**איוף תיכף ארויסצוגעבן:** 10/6/2022 **גאווערנער קעטי האקול**

**גאווערנער האקול אנאנסירט אנהויב פון סערוויס איןביידע ריכטונגען אין טעג פון געשעענישן ביי LIRR עלמאנט-UBS ארענע סטאנציע**

***Islanders אנהענגער און קאנצערט באטייליגטע קענען יעצט נעמען באנען אין מערב ריכטונג דירעקט צום UBS ארענע***

***נייע פלאטפארמעס ביי עלמאנט-UBS ארענע סטאנציע זענען יעצט צוגענגליך און זענען אויסגעשטאט מיט מאדערנע איינריכטונגען אריינרעכענענדיג פיסגייער בריק וואס ערלויבט רייזנדע צו אריבערגיין זיכערערהייט צווישן די מזרח און מערב ריכטונג פלאטפארמעס***

***עלמאנט-UBS ארענע סטאנציע וועט זיין א פולע-סערוויס סטאנציע היי יאר***

***סטאנציע באצירט מיט נייע קונסטווערק וואס איז היינט אויפגעדעקט געווארן, ' Cyclical Everythink', דורך שאונע עקס.***

***זעהט בילדער פון די געשעעניש [דא](#)***

גאווערנער קעטי האקול האט היינט אנאנסירט אז די מעטראפאליטען טראנספארטאציע אויטאריטעט'ס (Metropolitan Transportation Authority, MTA) לאנג איילענד רעיל ראָוד ( Long Island Rail Road, LIRR) עלמאנט UBS ארענע סטאנציע – די ערשטע נייע LIRR סטאנציע אין כמעט 50 יאר – קען יעצט אקאמאדירן באנען אין סיי מזרח און סיי מערב ריכטונגען אויף טעג ווען עס קומען פאר געשעענישן אין די UBS ארענע, און עס וועט אנהויבן צו זיין אין סערוויס א גאנץ יאר ביז סוף 2022. אנגעהויבן פון היינט וועלן לאנג איילענדער וועלכע וואוינען צו מזרח פון בעלמאנט פארק קענען פארן דירעקטערהייט צו געשעענישן אין די UBS ארענע. דאס וועט רעדוצירן די צייט ווי לאנג עס נעמט צו פארן, און עס איז ערווארטעט צו פארמערן די צאל פון מענטשן וועלכע באטייליגן זיך אין געשעענישן וועלכע נוצן פובליק טראנספארטאציע, העלפנדיג פארגרינגערן טראפיק אנגעלייגעכץ אין לאנג איילענד. די וועלכע פארן פון ניו יארק סיטי קענען זיך יעצט דירעקט צוריקקערן נאך געשעענישן אויף פילע באנען אן דארפן נוצן א שאָטל באס צו די קווינס ווילעדזש סטאנציע — די וועג וואס זיי האבן געדארפט נוצן לעצטע יאר.

"דאס האבן ביידע מאדערנע, צוגענגליכע פלאטפארמעס אפן ביי די ערשט-קלאסיגע עלמאנט-UBS ארענע סטאנציע איז א זיג פאר לאנג איילענד און פאר ניו יארק סטעיט", **האט גאווערנער האקול געזאגט.** "ניו יארקער וועלן יעצט געניסן פון א גלאטערע רייזע צו און פון Islanders שפילן און קאנצערטן, און איך קוק ארויס צו פארזעצן צו ברענגען אזעלכע טראנספארטמאטיווע פראיעקטן צו אלע ווינקלען פון די עמפייער סטעיט."

"אינפראסטראקטור איז דאס וואס מאכט דאס מעגליך פאר די סטעיט און פאר לאנג איילענד צו בליהען, סיי געזעלשאפטליך און סיי עקאנאמיש", **האט ליוטענאנט גאווערנער אנטאניאָ דעלגאַדאָו געזאגט.** "מיט אזעלכע פראיעקטן ווי די מעין ליין דריטע רעלסן, גרענד צענטראל מעדיסאן און די נייע עלמאנט-UBS ארענע סטאנציע, שטעלט ניו יארק צו פאר לאנג איילענדער און פאר באזוכער צו דעם אינזל א מאדערנע, ערשט-קלאסיגע און שטאנדהאפטיגע באן סיסטעם ואס וועט אויך העלפן רעדוצירן טראפיק."

די קאנסטרוקציע אויף די נייע סטאנציע קאסט גארנישט פאר LIRR און די MTA. ארענע דעוועלאפערס און ניו יארק סטעיט האבן אויסגעהאקט א שותפות צו פולשטענדיג פינאנצירן די געשאצטע 105 מיליאן דאלאר פארן פראיעקט. פון די סך הכל קאסטן, זענען איבער 90% געצאלט געווארן דורך ארענע דעוועלאפערס, און ניו יארק סטעיט האט בייגעשטייערט די רעשט. די סטעיט'ס איינשטייערונג איז א קליינע סומע קעגן די נייע שטייער איינקונפטן וואס דער פראיעקט איז ערווארטעט אריינצוברענגען. דער פראיעקט ווייזט ארויס די גרויסע השפעה וואס פובליק-פריוואטע שותפות'ן קענען האבן אויף פובליק טראנספארטאציע.

די עלמאנט-UBS ארענע סטאנציע האט צוויי 12-וואגן-לאנגע, הויכע פלאטפארמעס מיט דעכער, א פיסגייער בריק, USB טשארדזשינג סטאנציעס, הילף פונקטן, זיכערהייט קאמעראס, דיגיטאלע שילדן מיט אינפארמאציע איבער צייטן ווען באנען קומען אן, ווי-פיי און א פארגעשריטענע שניי צולאזונג סיסטעם אריינגעבויט אין די צעמענט פון די פלאטפארמעס צו זיכער מאכן אז זיי בלייבן פריי פון שניי און אייז דורכאויס ווינטער שטורעמעס. די נייע סטאנציע קומט פולשטענדיג נאך דעם אמעריקאנער מיט דיסאביליטיס געזעץ (Americans with Disabilities Act) קומענדיג מיט א ברייטע פיסגייער בריק וואס איז געבויט צו קענען אקאמאדירן אסאך מענטשן, און אזוי אויך צוויי עלעוועיטארס, איינס פאר יעדע פלאטפארמע.

**MTA פארזיצער און CEO, דזשעניאָ ליעבער, האט געזאגט,** "די UBS ארענע האט געהאט א סקעדזשול אנגעפילט מיט ריזיגע געשעענישן זינט עס האט זיך געעפנט לעצטע הערבסט, און מיט ביידע פלאטפארמעס יעצט אין סערוויס, וועלן ניו יארקער האבן דירעקטע צוטריט דורך די באנען צו Islanders שפילן, צו קאנצערטן און נאך געשעענישן. צוזאמען מיט די פארענדיגונג פון די דריטע רעלסן און די עפענונג פון סערוויס צו גרענד צענטראל טערמינאל — ווייזט דער עלמאנט פראיעקט – וואס האט זיך געהאלטן סיי צו די סקעדזשול און סיי צו די בודזשעט – ארויס וויאזוי מיר פארמערן דראמאטיש סערוויס, באקוועמליכקייט און אפציעס פאר LIRR פאסאנזשירן."

**לאנג איילענד רעיל ראָוד צייטווייליגע פרעזידענט און מעטראָ-נארט רעיל ראָוד פרעזידענט, קעטערין רינאַלדי, האט געזאגט,** "די MTA האט געמאכט א מאסיווע אינוועסטירונג אין לאנג איילענד'ס צוקונפט מיט מעגא-פראיעקטן ווי די דריטע רעלסן אויף די מעין ליין, א נייע LIRR פאסאנזשירן זאל אין פען סטאנציע און א נייע טערמינאל ביי גרענד צענטראל מעדיסאן. די עלמאנט-UBS ארענע סטאנציע איז א ביישפיל פון די געוואלדיגע זאכן וואס קענען דורכגעפירט ווערן דורכן אינוועסטירן אין לאקאלע אינפראסטראקטור. האבן ביידע פלאטפארמעס יעצט אפן גיבט א נייע אפציע פאר מענטשן וויאזוי צו אנקומען צו געשעענישן וואס קומען פאר אין די ארענע, און עס וועט העלפן פארבעסערן די ענווייראמענט דורכן רעדוצירן טראפיק אויף לאקאלע ראודס."

**MTA קאנסטרוקציע און דעוועלאפמענט פרעזידענט, דזשעימי טארעס-ספרינגער, האט געזאגט,** "דאס איז די ערשטע נייע LIRR סטאנציע אין כמעט 50 יאר, פארענדיגט צייטליך און אונטער די בודזשעט. א דאנק פארגעשריטענע קאנסטרוקציע טעכניקן און אנטשלאסענע פראיעקט פארוואלטונג, זענען מיר מקיים אונזער צוזאג צו האבן די עלמאנט-UBS ארענע סטאנציע גרייט פאר סערוויס אין ביידע ריכטונגען בעפאר די נייע Islanders סעזאן."

**עמפּייער סטעיט דעוועלאַפּמענט באָורד פּאַרזיצער, קעווין לאו, האט געזאגט,** "האבן די פלאטפארמעס אין מערב און מזרח ריכטונגען אפן ביי עלמאנט-UBS ארענע סטאנציע וועט פארבעסערן די סערוויס פאר לאנג איילענדער און עס וועט אויפטרייבן עקאנאמישע אקטיוויטעט דורכן פארבינדן רייזנדע מיט ביזנעסער אין די ראיאן און צו געשעענישן ביי די UBS ארענע. אונטער גאווערנער האקול'ס פירערשאפט, וועט ניו יארק סטעיט פארזעצן צו ברענגען מאדערניזירטע און פארבעסערטע סערוויס אויף באנען און סאָבוועיס וועלכע וועלן העלפן ניו יארקער זיך צו באוועגן, ווייל עקאנאמישע וואוקס און פארלעסליכע פובליק טראנספארטאציע גייען האנט ביי האנט."

**סטעיט סענאטאר לירוי קאַמרי האט געזאגט,** "אזוי ווי מיר זוכן צו רוקן אונזער סטעיט צו א מער שטאנדהאפטיגע און ענווייראמענט-פריינטליכע צוקונפט, וועט דאס האבן סערוויס אין די מערב ריכטונג ביי די נייעסטע LIRR סטאנציע אין 50 יאר ביי די עלמאנט-UBS ארענע סטאנציע ערמעגליכן א דירעקטע רייזע צו די זאל, פארמינערנדיג אנגעלייגטע געסער און מוטיגנדיג באנוץ מיט פובליק טראנספארטאציע. אינוועסטירונג אין טראנספארטאציע ברענגט בענעפיטן וועלכע האלטן אן אין לאקאלע קאמיוניטיס און וועלכע נוצן אויס פובליק-פריוואטע שותפות'ן איז א נויטיגע טריט צו קענען איבערמאכן טראנספארטאציע אין ניו יארק. איך וויל אויסדרוקן מיינע וואונטשן צו גאווערנער האקול, UBS ארענע שותפים און אזוי אויך פאר די MTA/LIRR מאנשאפטן וועלכע האבן געארבעט פון די נאענט מיט מיך און מיינע קאלעגן, אבער מער פון אלעס — מיט די לאקאלע קאמיוניטיס, צו זעהן די סטאנציע ווערנדיג פארווירקליכט פון א געדאנק צו א מציאות."

**סטעיט סענאטארשע אנא מ. קאפלאן האט געזאגט,** "די נייע עלמאנט סטאנציע איז א קריטישע אינוועסטירונג אין אונזערע קאמיוניטי וואס וועט ערלויבן Islanders אנהענגער צו נעמען די באן צו די שפילן און סוף כל סוף גיבן פאר איינוואוינער אין די געגנט א פּוּל-טיים סטאנציע אויף די LIRR מעין ליין. די נייע סטאנציע איז א הערליכעביישפיל און די געוואלדיגע זאכן וואס מיר קענען אויפטוהן ווען מיר אינוועסטירן אין אינפראסטראקטור אין לאנג איילענד, און עס שטייט עדות פאר אלע ארבייטער וועלכע האבן זיך באוויזן צום ארבעט דורכאויס די פאנדעמיע כדי דאס צו פארענדיגן צייטליך און זיך האלטנדיג צו די בודזשעט."

**אסעמבלי מיטגלידערין מיקאַעל סי. סאָלאַזשעס האט געזאגט,** "מיט די אנהויב פון סערוויס איןביידע ריכטונגען אויף טעג פון געשעענישן ביי די LIRR עלמאנט-UBS ארענע סטאנציע, זענען מיר איין טריט נאענטער צו פארווירקליכן א לאנג-ערווארטעטע טרוים פאר די איינוואוינער. פון די אנהויב האבן מיר געשטערעבט צו מאכן די איבערבויאונג פראיעקט א פאזיטיווע ערפארונג פאר די קאמיוניטי אין עלמאנט, און די ענדערונגען וועלן פארבעסערן די אלגעמיינע ווירקזאמקייט און באקוועמליכקייט פון די LIRR. מיר זענען באגייסטערט פאר די דירעקטע רייזעס צו געשעענישן, און מיר קוקן ארויס צו האבן א פולע-סערוויס סטאנציע אויף וועלכע רייזנדע קענען זיך פארלאזן א גאנץ יאר."

**קים סטאָון, פּרעזידענט פון UBS ארענע, האט געזאגט,** "אין בלויז 30 מינוט, קענען ספארטס אנהענגער פארן באקוועמליכערהייט פון פּען סטאנציע צו די UBS ארענע דורך די לאנג איילענד רעיל ראָוד. מיט נייע באנען אין די מזרח און מערב ריכטונגען ביי די עלמאנט-UBS ארענע סטאנציע אויף טעג פון געשעענישן, האבן יעצט אפילו מער ניו יארקער גרינגע צוטריט צו אונזער געוואלדיגע זאל. א גרויסע דאנק פאר גאווערנער האקול, ליוטענאנט גאווערנער דעלגאַדאָו, די סטעיט לעגיסלאטור און פאר אלע פלייסיגע מענער און פרויען פון די לאנג איילענד רעילראָוד."

**דזשעראַרד ברינגמאן, פּאַרזיצער פון די LIRR פּאַסאַנזשיר קאונסיל (LIRR Commuter Council) און MTA באָורד מיטגלידער, האט געזאגט,** "די היינטיגע אנהויב פון סערוויס אין צוויי ריכטונגען ספעציעל פאר געשעענישן ביי די עלמאנט סטאנציע איז די קומענדיגע וויכטיגע טריט פאר די ערשטע נייע LIRR סטאנציע אין 50 יאר, קומענדיג אין די זעלבע צייט ווי די אנהויב פון די Islanders'o 50'סטע

יאר סעזאן. רייזנדע צו די נייע סטאנציע און צו די UBS ארענע האבן אסאך צו פייערן, און איינמאל די צוטריט פון די איסט סיי איז פארענדיגט, וועלן מיר זעהן מער רעגלמעסיגע סערוויס אויך פאר די קאמיוניטי. די סטאנציע איז איינס פון די פילע גרויסארטיגע פארבעסערונגען צו LIRR וועלכע קומען היי יאר, העלפנדיג מאכן טראנספארטאציע די ערשטע אויסוואהל פאר אפילו מער לאנג איילענדער און ערמוטיגנדיג מענטשן פון ארום די גאנצע ראיאן צו נעמען די באן ווען זיי באזוכן לאנג איילענד. די בעסטע וועג צוריקצובריינגען פאסאנזשירן איז דורכן אינוועסטירן אין זיי מיט נייע סטאנציעס ווי עלמאנט און מיט סערוויס וואס קומט נאך זייערע באדערפענישן."

**GO-505 אלגעמיינער פארזיצער פאר קלוגע טראנספארטאציע דיוויזיע ( SMART Transportation Division), ענטאני סיימאן, האט געזאגט,** "די נייע עלמאנט סטאנציע איז בלויז נאך א ביישפיל פון די איבערגעגעבנקייט פון די MTA/LIRR צו פארבעסערן סיי די ערפארונג פון די פאסאנזשירן און סיי סערוויס צו ספעציעלע געשעענישן. די צוגעקומענע מערב-ריכטונג פלאטפארמע ערגענצט די פולע בענעפיט פון די סטאנציע, און עס וועט גיבן מער אפציעס צו און פון די נייע UBS ארענע. מיר באדאנקען אלע פון אונזערע פלייסיגע יוניאן ברידער און שוועסטער פאר נאך א ערפאלגרייכע אינפראסטראקטור מעגא-פראיעקט. א דאנק פאר גאווערנער האקול פאר איר אנגייענדע שטיצע און איבערגעגעבנקייט צו MTA/LIRR פאסאנזשירן און פאר די קאמיוניטיס וואס עס דינט".

**Islanders קאָו-אייגנטומער דזשאָן לעדעקי האט געזאגט,** "עלמאנט סטאנציע איז א וויכטיגע טראנספארטאציע אפציע פאר האַקי און מוזיק ליבהאבער וועלכע גייען צו און פון די UBS ארענע. נעמען די באן איז די ענווייראמענט-פריינטליכסטע מיטל פאר אונזערע אנהענגער צו אנקומען צו די שפילן — עס איז שנעל, גלאט און ווירקזאם, און עס איז בלויז 30 מינוט פון פען סטאנציע."

די סטאנציע איז באצירט מיט נייע קונסטווערק וואס איז היינט אויפגעדעקט געווארן מיט די נאמען *Cyclical Everything (אלעס רונדעכיג)*, דורך די קונסטלערין שאונע עקס. די קונסטווערק נוצט און עלפיטישע פארעם צו סימבאליזירן די דערנעבנדע רעיסינג טרעק און זאל, און אזוי אויך די אנטוויקלנדע און טראנספארמאטיווע נאטור פון עלמאנט און די פילע פארשידנארטיגע קולטורן וועלכע האבן זייער היים ארום די היסטארישע אטראקציע. מעטאלע פאנעלן, אריינגעלייגט אין די צוימען וואס לויפן לענגאויס די דרום פלאטפארמע און אין די ראמפע פון די צפון פלאטפארמע, כאפן אפ די ריטמישע פארעם נוצנדיג ברייטע שווארצע שטרייפן. די סטאנציע'ס פיסגייער בריק איז אויפגעלעבט דורך א סעריע פון צען ליכטיג-קאלירטע גלאזענע פאנעלן מיט איינגעקריצטע קערפער אין באוועגונג, זיך באציעהנדיג צו מוזיקאנטן, ספארטסלער און פערפארמער ביי די דערנעבנדע UBS ארענע.

די עלמאנט-UBS ארענע סטאנציע האט אנגעהויבן סערוויס אין צייט פאר די New York Islanders'ס ערשטע שפיל אינדערהיים אין נאוועמבער 2021 ביי די גענצליך נייע UBS ארענע. די זאל האט אויך אינוועסטירט אין נאך אינפראסטראקטור פארבעסערונגען אין די ארומיגע געגנט נעבן די סטאנציע און אויף איר קאמפוס צו נאך מער בענעפיטירן די ערפארונג פון די געסט בשעת'ן זיין אויפן ארט. זיי וועלן אויך ארבעטן צוזאמען מיט מיטארבייטער פון די מאנשאפט און פון די זאל צו אפפערן א רייע פון פארשידענע באלוינונגען פאר אנהענגער זיי צו מוטיגן צו נעמען די באן צו די UBS ארענע דורכאויס די סעזאן.

ווען LIRR סערוויס צו גרענד צענטראל מעדיסאן ביי די סוף פון די יאר וועט עלמאנט-UBS ארענע סטאנציע ווערן א פול-טיים סטאנציע אויף די העמפסטעד אפטיילונג, מיט סערוויס 365 טעג א יאר.

###

נאך נייעס קען מען באקומען ביי www.governor.ny.gov
ניו יארק סטעיט | עקזעקיוטיוו טשעימבער | press.office@exec.ny.gov | 518.474.8418